# דער בריוו צו טיטוסן

א פֿאָולוס, אַ קנעכט פֿון גאָט, און אַ שליח פֿון יֵשוּעַ הַמָשִיחַ, לויט
דער אֶמונה פֿון גאָטס אויסדערווײלטע, און דער דערקענטעניש
2 פֿון דעם אֶמת, וואָס איז לויט דער פֿרומקייט, אין האָפֿענונג
אויף אייביקן לעבן, וואָס גאָט, וואָס קאָן ניט זאָגן קיין ליגן,
3 האָט מַבטיחַ געווען מִקֹדֶם מִימֵי עולם, און האָט אַנטפּלעקט אין
זײַן אייגענער צײַט זײַן וואָרט אין דער שליחות, מיט וואָס איך
בין אָנפֿאַרטרויט געוואָרן לויט דעם געבאָט פֿון גאָט, אונדזער
4 גואֵל; צו טיטוסן, מײַן אֶמתדיק קינד לויט דער בשותּפֿותדיקער
אֶמונה; חֶסֶד און שָלום פֿון גאָט, דעם פֿאָטער, און יֵשוּעַ הַמָשִיחַ,
5 אונדזער גואֵל. צוליב דעם האָב איך דיך געלאָזן אין קרעטאַ,
כּדי דו זאָלסט אײַנשטעלן אין אַ סֵדר די זאַכן, וואָס האָבן
געפֿעלט, און באַשטימען זקֵנים אין יעדער שטאָט, ווי איך האָב
6 דיר געבאָטן: אויב איינער איז אָן אַ פֿעלער, דער מאַן פֿון איין
ווײַב, און האָט קינדער מַאמִנים, וואָס ווערן ניט באַשולדיקט
7 אין צעלאָזנקייט, אָדער ווידערשפּעניקייט. וואָרים דער מַשגיחַ
מוז זײַן אָן אַ פֿעלער, ווי גאָטס פֿאַרוואַלטער; ניט קיין עַקשן,
ניט קיין רַגזן, ניט קיין שִיכּור, ניט קיין שלעגער, ניט זשעדנע
8 נאָך מיאוסן פֿאַרדינסט, נייערט אַ מַכניס־אורַח, אַ ליבהאָבער
9 פֿון גוטס, ניכטער, אַ צדיק, הייליק, אײַנגעהאַלטן, וואָס האַלט
זיך אין דעם באַגלייבטן וואָרט, וואָס איז לויט דער לערנונג,
כּדי ער זאָל קענען מַזהיר זײַן אין דער געזונטער לערנונג, און
10 אויך צו שטראָפֿן די ווידערשפּעניקע. וואָרים סע זענען פֿאַראַן
אַ סך ווידערשפּעניקע, פּוסטע פּלאַפּלערס און שַקרָנים, בִפֿרַט
11 די פֿון די געמַלטע, וועמעס מויל מוז פֿאַרשטאָפּט ווערן, ווײַל
זיי קערן איבער גאַנצע הײַזער, און לערנען ניט נייטיקע זאַכן,
12 פֿונוועגן מיאוסן פֿאַרדינסט. איינער פֿון זיי, אַ נָביא פֿון זייערע
אייגענע, האָט געזאָגט: קרעטער זענען תָּמיד ליגנערס, בייזע
חיות

13 חַיות, פֿוילע פֿרעסערס. דאָס דאָזיקע באַצייגעניש איז אֶמת.
צוליב דער סִבה שטראָף זיי שאַרף, כּדי זיי זאָלן זיין געזונט
14 אין דער אֶמונה, און זאָלן ניט שענקען קיין אויפֿמערקזאַמקייט
צו יִדישע בָבא־מַעשׂות, און מִצוות פֿון מענטשן, וואָס קערן אָפּ
15 פֿון דעם אֶמת. פֿאַר די ריינע איז אַלצדינג ריין. פֿאַר די
אָבער, וואָס זענען טָמא און אומגלויביק, איז גאָרניט ריין; נייערט
16 זייער פֿאַרשטאַנד און געווויסן זענען טָמא. זיי זאָגן, אַז זיי קענען
גאָט, דורך זייערע מַעשׂים אָבער פֿאַרלייקענען זיי אים, ווייל זיי
זענען אומווערדיק, און ווידערשפּעניק, און פֿאַר יעדן גוטן ווערק
אומטויגלעך.
ב דו אָבער רעד דאָס, וואָס עס פּאַסט זיך פֿאַר דער געזונטער
2 לערנונג: אַז זקֵנים זאָלן זיין ניכטער, ערנצט, שׂכֶלדיק, געזונט
3 אין אֶמונה, אין ליבע, אין סַבלָנות; אַז זקֵנות זאָלן אויך זיין
בכָּבודיק אין אויפֿפֿירונג, ניט קיין רכִילות־טרייַבערינס, ניט
פֿאַרשקלאַפֿט צו קיין סַך וויין, לערערינס פֿון דעם, וואָס
4 איז גוט, כּדי זיי זאָלן דערציִען די יונגע ווייבער ליב צו
5 האָבן זייערע מאַנען און זייערע קינדער, צו זיין צנִיעותדיק,
ריין פֿירן די באַלעבאַטישקייט, זיין פֿריינטלעך, אונטערטעניק
זייערע אייגענע מאַנען, כּדי דאָס וואָרט פֿון גאָט זאָל ניט
6 געלעסטערט ווערן. די יִנגערע מענער זיי אויך אַזוי מַזהיר צו
7 זיין איינגעהאַלטן. אין אַלצדינג וויז דיך אַליין פֿאַר אַ ביישפּיל
פֿון מַעשׂים־טובים; וויז אין דיין לערנונג אומפֿאַרדאָרבנקייט,
8 ערנצטקייט, געזונטע רייד, וואָס קענען ניט ווערן פֿאַרמִשפּט,
כּדי דער, וואָס איז פֿון קעגן צַד, זאָל פֿאַרשעמט ווערן, ווייל
9 ער האָט ניט קיין שום שלעכטס צו זאָגן פֿונוועגן אונדז. זיי
מַזהיר קנעכט צו זיין אונטערטעניק זייערע אייגענע הערן, און
צו זיין פֿאַר זיי וואוילגעפֿעלן אין אַלצדינג; ניט ווידערשפּעניק,
10 ניט גַנבענען, נייערט צו ווייזן יעדע גוטע געטריישאַפֿט, כּדי
זיי זאָלן באַשיינען די לערנונג פֿון גאָט, אונדזער גואֵל, אין
11 אַלצדינג. וואָרים דער חֶסד פֿון גאָט האָט זיך באַוויזן פֿאַר

12 אַ ישועה פֿון אַלע מענטשן, און לערנט אונדז, אַז מיר זאָלן
פֿאַרלייקענען דאָס רשעות און די וועלטלעכע תּאוות, און לעבן
13 אייַנגעהאַלטן און רעכטפֿאַרטיק און פֿרום אין דער וועלט, און
וואַרטן אויף דער געבענטשטער האָפֿענונג און אַנטפּלעקונג
פֿון דער הערלעכקייט פֿון אונדזער גרויסן גאָט און גואל יֵשוּעַ
14 הַמָשִיחַ, וואָס האָט זיך גופֿא געגעבן פֿאַר אונדז, כּדי ער זאָל
אונדז אויסלייזן פֿון יעדן שלעכטס, און רייניקן פֿאַר זיך אַ פֿאָלק
15 פֿאַר זייַן אייגנטום, וואָס איז אייפֿעריק אין מַעשׂים־טובֿים. די
דאָזיקע זאַכן רעד און זיי מַזהיר און שטראָף מיט דער גאַנצער
רשות. זאָל קיינער דיך ניט פֿאַראַכטן.

ג דערמאָן זיי צו זייַן אונטערטעניק צו הערשער און שָׂרים, צו
2 זייַן געהאָרכזאַם, צו זייַן אָנגעברייט פֿאַר יעדן גוטן ווערק, ניט
צו רעדן קיין שלעכטס אויף קיינעם, ניט צו זייַן קריגעריש, צו
זייַן מילד, און אַרויסווייַזן די גאַנצע עֲנִיוות צו אַלע מענטשן.
3 וואָרים אויך מיר זענען אַמאָל געווען נאַריש, אומגעהאָרכזאַם,
פֿאַרפֿירט, געדינט אַלערליי תּאוות און פֿאַרגעניגנס, האָבן
געלעבט אין רִשעות און קִנאה, פֿייַנטלעך, און פֿיינט געהאַט
4 איינער דעם אַנדערן. בעת אָבער די גוטסקייט פֿון גאָט, אונדזער
5 גואל, און זייַן ליבע צו מענטשן, האָט זיך באַוויזן, ניט דורך
מַעשׂים פֿון רעכטפֿאַרטיקייט, וואָס מיר האָבן געטאָן, נייערט
לויט זייַן דערבאַרעמדיקייט האָט ער אונדז מַציל געווען דורך
דער טבילה פֿון ווידערגעבורט און באַנייַאונג פֿון דעם רוח־
6 הַקודש, וואָס ער האָט אויף אונדז אויסגעגאָסן בשפֿע דורך יֵשוּעַ
7 הַמָשִיחַ, אונדזער גואל; כּדי מיר זאָלן גערעכטפֿאַרטיקט ווערן
דורך זייַן חֶסד, און ווערן יורשים לויט דער האָפֿענונג פֿון אייביקן
8 לעבן. אמת איז דאָס וואָרט, און דעריבער וויל איך, אַז דו זאָלסט
די דאָזיקע זאַכן באַפֿעסטיקן, כּדי אַז די, וואָס האָבן געגלויבט
אין גאָט, זאָלן זען זיך עוסק צו זייַן אין מַעשׂים־טובֿים. דאָס
9 איז גוט און נוצלעך פֿאַר מענטשן. ווייַך אָבער אויס נאַרישע
קַשיות, און יִחוס־בריוו, און מחלוקת, און קריגערייַען וועגן דער

תורה

10 תּוֹרה, וואָרים זיי זענען אומנוצלעך און פּוסט. אַ מענטש, וואָס
מאַכט אָן שפּאַלטונגען, זאָלסטו נאָך דער ערשטער און צווייטער
11 וואָרענונג, אויסווייַכן בִּכלָל, ווייל דו ווייסט, אַז אַזאַ איינער איז
פֿאַרדאָרבן, און טוט זינדיקן, און איז פֿון זיך אַליין פֿאַרמִשפּט.
12 אַז איך וועל שיקן צו דיר אַרטעמאַסן, אָדער טיכיקוסן, זאָלסטו
דיך איילן קומען צו מיר קיין ניקאָפּאָליס; וואָרים איך האָב
13 באַשלאָסן דאָרטן צו ווינטערן. שיק גלייך אַרויס זענאַסן, דעם
בַּעל־תּוֹרה, און אַפּאָלאָסן אויף זייער נסִיעה; זע סע זאָל זיי
14 גאָרניט פֿעלן. און זאָלן אויך אונדזערע מענטשן זיך לערנען
עוסק צו זיין אין מַעשׂים־טובים פֿאַר די נייטיקע באַדערפֿענישן,
15 כּדי זיי זאָלן ניט זיין אומפֿרוכטבאַר. אַלע, וואָס זענען מיט מיר,
גריסן דיך. גריס די, וואָס האָבן אונדז ליב אין דער אֱמונה. חֶסֶד
זאָל זיין מיט אייך אַלע.